שנה ג׳
נומער צ״ד
יום טוב סוכות
תשפ״ב

# קרית ברסלב בלעטל

וועכנטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט״א



## הושענה רבה ביי מוהרא״ש זי״ע שנת תשע״ד

## א ווארט
פונעם ראש ישיבה שליט״א

### צייטונגען אין א אידישע שטוב

צוּבִּיסְלִיךְ הֶער אִיךְ צוּרִיק פוּן דִי מִשְׁפָּחוֹת אִין דִי קְהִילָּה אַז זֵיי נֶעמֶען מֶער נִישְׁט אַרַיין קֵיין שׁוּם צֵייטוּנְג אוּן מַאגַאזִין אִין שְׁטוּבּ; אַנְשְׁטָאט דִי צֵייטוּנְג לֵיינְט מֶען עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִיט דִי גִּלְיוֹנוֹת אוּן שִׂיחוֹת, אוּן בְּעִיקָר נֶעמְט מֶען דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים וְכוּ׳.

עצתו אמונה חג הסוכות תשפ״א

## כולל היכל הקודש ברסלב

**בנשיאות הראש ישיבה שליט״א**

א הארציגן דאנק פאר ידידינו היקרים וואס האבן מנדב געווען לטובת כוללינו

מנחם שטיינבערג - קרית ברסלב ~ יחזקאל טעללער - בארא פארק

זושא פריעדמאן - מאנסי ~ משה אהרן גינסבערג - ענגלאנד

יחיאל אלתר רייכמאן - ענגלאנד ~ אהרן פאלאק - ארץ ישראל

צבי ניימאן ~ הערשי בוים - יבנאל עיר ברסלב

נחום לעדערמאן - ארץ ישראל ~ ישראל לעווין - ארץ ישראל

שלמה טייטלבוים ~ יעקב דוב כהן ~ יואל ראזענבערג - קרית יואל

אהרן וועבערמאן - וויליאמסבורג ~ נפתלי רייכמאן - טבריה

נחמן ניישטיין - בארא פארק ~ ישראל יעקב קרויס - וויליאמסבורג

יצחק פאפנהיים - ארץ ישראל

דער אייבערשטער זאל העלפן אז אלע עוזרים והמסייעים און גאנץ כלל ישראל זאלן זיין געבענטשט מיט א גוט יאר און אלעס גוטס

## זמנים
Liberty

**יום טוב סוכות תשפ״ב**

| | |
|---|---|
| הדלקת הנרות ערב סוכות | 06:41 |
| מוצאי ערשטע טעג | 08:07 |
| הדלקת הנרות שבת חוה״מ | 06:33 |
| מוצאי שבת חוה״מ | 08:02 |
| הדלקת הנרות שמיני עצרת | 06:29 |
| מוצאי שמחת תורה | 07:55 |



# שטעטל נייעס

קרית ברסלב

## אלע איינוואוינער ביים רבי'ן ראש השנה אין אומאן

געלויבט דעם אייבערשטן אז אלע אנשי שלומינו פון קרית ברסלב ליבערטי האבן זיך דאס יאר ארויס געלאזט אויפן וועג צום הייליגן רבי'ן אין אומאן אויף ראש השנה, און זוכה געווען צו זיין ראש השנה ביים הייליגן רבי'ן, אלע גלייבן אינעם רבי'ן און אז דער רבי האט געהייסן קומען האבן זיך אלע אויפגעהויבן און געפארן, און נישט געקוקט אויף אלע שוועריקייטן ארום.

די הכנות האט זיך שוין אנגעהויבן אפאר וואכן פריער, ווען מען האט אנגעהויבן ערלעדיגן אלע באדערפענישן כדי צו קענען ווערן אריינגעלאזט אין אוקריינא, דער האט זיך געלאזט שטעכן, אנדערע האבן צוגעגרייט די טעלעפאון מען זאל קענען ניצן די אוקריינישע עפפ וואס פעלט זיך אויס אין לופטפעלד.

אזוי אויך האט מען געמאכט א קאוויד טעסט א טאג פארן ארויספארן על כל צרה שלא תבא, מען האט ספעציעל אראפגערופן אין שטעטל א אינגערמאן וואס האט געמאכט די טעסט פאר די אינגעלייט, מען האט אלץ געטוהן צו קענען זיין ביים הייליגן רבי'ן.

די שטעטל האט גערודערט ווי א קעסל, יעדע נאכט ווען מען האט זיך געטראפן אין בית המדרש האט מען נאר גערעדט פון פארן צום רבי'ן אויף ראש השנה.

ועל כולם האבן אלע געבעטן דעם אייבערשטן יעדן טאג מען זאל קענען זיין אין אומאן אויף ראש השנה געזונטערהייט.

ברוך השם סוף כל סוף האט מען זוכה געווען צו זיין אין אומאן אויף ראש השנה תשפ"ב נאך אסאך בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם, און אלע האבן זיכער געפועלט א גוט יאר פאר זיך און פאר די גאנצע משפחה, אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אויסגעדריקט פאר מען איז געפארן: "זעצט מיטצונעמען אלע פעקלעך צרות קיין אומאן און לאזט עס דארט ביים רבי'ן", אזוי האט מען טאקע געטוהן, מען האט דארט געלאזט אלע פעקלעך צרות און מען איז אהיים געקומען מיט פילע רענצלעך ישועות.

**ראש השנה ביי מיר איז גרעסער פון אלעס**

## הכנות צו יום כיפור / סוכות אין שטעטל.

גלייך נאך יום טוב ראש השנה האט מען אנגעהויבן מאכן די הכנות צום הייליגן טאג יום כיפור, אנגעהויבן האט זיך עס מיט דעם וואס מען האט אראפ געברענגט כפרות אין חדר און אזוי אויך אין סקול, און די מלמדים האבן געשלאגן כפרות מיט אלע קינדער.

אזוי אויך האט מען צוגעשטעלט כפרות פאר אלע משפחות אין שטעטל.

יום כיפור איז אריבער גאר ווארים און שיין, אזוי ווי א גרויסער חלק פונעם ציבור זענען אריינגעפארן אין שטאט צום ראש ישיבה שליט"א מיטצוהאלטן דעם דערהויבענעם טאג, איז נאר געווען אפן איין בית המדרש אויף האשקי, ווי עס איז אריבער גאר דערהויבן.

אויך האט זיך דערקענט די הכנות צום הייליגן יום טוב סוכות, דער געטרייער שמש האברך בנציון יאקאבאוויטש הי"ו האט פארקויפט ד' מינים סיי פאר עלטערע און סיי פאר די קינדער, גאר ערליכע סעטס פאר ביליגע פרייזן.

אויך האט זיך אנגעזעהן די פיבערהאפטיגע הכנות צו בויען די סוכה, נאך פאר ראש השנה האט מען שוין געזעהן די אינגעלייט בויען די סוכה כדי נישט דארפן אנקומען מיט די לעצטע אטעם צום יום טוב סוכות, אזוי אויך איז געבויעט געווארן א גרויסע פראכטפולע סוכה אינעם חצר הבית המדרש כדי עס זאל זיין גענוג פלאץ פארן גאנצן ציבור.

דא איז די פלאץ זיך צו באדאנקן פארן גבאי הבית המדרש האברך שלמה יאקאבאוויטש הי"ו וואס גיבט זיך אוועק א גאנץ יאר פארן בית המדרש, און יעצט לכבוד יום טוב סוכות האט ער אהער געשטעלט גאר א שיינע גרויסע סוכה עס זאל גענוג פלאץ פאר אלעמען, און ספעציעל דארף מען זיך באדאנקן פאר די חשובע נדבנים וואס האבן זיך באשטייערט מיט שיינע סכומים צו קענען קויפן די מאטריאל פאר די סוכה און אזוי אויך שיינע נוי סוכה צו באצירן די סוכה, דער אייבערשטער זאל זיי באצאלן מיט אלעס גוטס

אזוי אויך האט בית התבשיל דקרית ברסלב ליבערטי אנגעפירט דורך האברך שלמה יאקאבאוויטש הי"ו צוגעשטעלט מיט א ברייטקייט גאר אסאך וויכטיגע עסן פראדוקטן פאר אלע איינוואוינער אין שטעטל, כדי צו קענען אהערשטעלן דעם יום טוב מיט הרחבת הדעת, אזוי אז אלע משפחות אן אויסנאם זאלן קענען צוטרעטן צום יום טוב מיט א פרייליכקייט, צו מנדב זיין פארן בית התבשיל פאר משפחות אין שטעטל רופט 845-637-5367.

**ושמחת בחגיך והיית אך שמח**

אומאן

## אומאן ראש השנה תשפ"ב

א הערליכער יום טוב ראש השנה איז אריבער אויף אנשי שלומינו תלמידי היכל הקודש די בכל אתר ואתר - אין שטאט אומאן סמוך ונראה צום ציון הקדוש פון הייליגן רבי'ן.

דער הערליכער בנין פון היכל הקודש איז געווארן אהערגעשטעלט מיט אלעם וואס פעלט זיך אויס, אלע וואס זענען געקומען אויף אומאן פאר מען האט געהאט אן אייגענעם בנין ווייסן די חילוק פון האבן א פלאץ אינדרויסן פונעם געגענט, עס האקט נישט קיין מוזיק אין קאפ א גאנצע נאכט, אזוי אויך טרעפט מען נישט קיין מענטשן וואס קומען דיר זאגן אז מען האט נישט געהאלטן פון דעם דרך וואס מען לערנט אין היכל הקודש, נאר אדרבה במשך די צייט וואס מען איז אין אומאן באגעגענט מען אנשי שלומינו תלמידי היכל הקודש וואס וואוינען אין אנדערע געגענטער און מען באקענט זיך מיט אלעמען, וואס דאס איז דעם ראש ישיבה שליט"א'ס רצון אז אנשי שלומינו פון איבעראל זאלן זיך קענען איינער מיטן צווייטן.

אסאך אנשי שלומינו זענען שוין געקומען פון פאר שבת פרשת נצבים, ווי מען האט זוכה געווען צו פראווענען א הערליכן שבת צוזאמען מיטן ראש ישיבה שליט"א.

הערליכע שיעורים זענען געהערט געווארן פונעם ראש ישיבה שליט"א במשך די וואך צייט וואס מען האט געוויילט אין אומאן.

נאכן דאווענען פרייטאג צונאכטס און אזוי אויך ביים באטע האט דער ראש ישיבה שליט"א ארום גערעדט אז מען דארף אריין ברענגען אידישקייט אין די קינדער מיט א געשמאק, א שבת'דיגע סעודה דארף זיין פרייליך און געשמאק, דער הייליגער רבי זאגט כדי צו ווערן פרייליך דארף מען זיך נערי'ש מאכן, אבער מוהרא"ש זי"ע האט אונז אנגעזאגט נישט זיך נערי'ש מאכן צווישן מענטשן, אבער מיט קינדער איז די פלאץ וואו מען קען זיך נערי'ש מאכן, און דאס איז זייער געזונט פאר די קינדער, אז דער טאטע שפילט זיך מיט זיי.

סיפורי מעשיות האט מען פארגעלערנט די מעשה פון רב ובן יחיד, און דער ראש ישיבה האט שיין מסביר געווען אז יעדער איינער איז א בן יחיד און ער וויל קומען צום רבי'ן אבער מען לאזט אים נישט, און ווען ער זאל קומען צום רבי'ן וואלט געווען א חלק פון די גאולה, ווייל יעדער איד וואס קומט צום רבי'ן און ער ווערט געוואויר אז מען קען רעדן צום אייבערשטן, ווערט מיט דעם נענטער די גאולה.

זונטאג נאכט איז פארגעקומען א הערליכער שיעור צוזאמען מיט א סיום אויף האלב ש"ס פון הילד יודא'לע שעכטער נ"י פון ארץ ישראל, וואס דאס האט אויפגעוועקט יעדן איינעם פערזענליך, אז מען זעהט א קינד פון צען יאר ענדיגט אין מסכתא נאכן צווייטן מיינט דאס אז איך קען אויך ענדיגן ש"ס.

גאר שיין איז געווען צו זעהן אז אנשי שלומינו פאלגן דעם הייליגן רבי'ן און מען ברענגט מיט די קינדער אויף אומאן, דאס יאר האט מען צוגעשטעלט גאר א שיינער פראגראם פאר די קינדער זונטאג און מאנטאג ערב יום טוב, קודם האט מען געדאווענט צוזאמען דערנאך איז מען אריבער מיטן שאטל צום ציון הקדוש און מען האט דארט געזאגט צוזאמען מיט די מלמדים די תיקון הכללי שטאט און הויעך, אזוי אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א געגעבן גאר א שיינע שמועס פאר די קינדער פון וואס די קינדער האבן געהאט גאר אסאך חיזוק.

פיינע געשמאקע עסן איז געווארן צוגעשטעלט דורך דעם אייגענעם קאך אינעם בנין אונטערן אויפזיכט פון אפאר חשובע אינגעלייט וואס האבן אוועק געגעבן זייער פריוואטע צייט און צוגעשטעלט פיינע פרישע עסן במשך דעם גאנצן וואך וואס מען האט געוויילט אין אומאן, דער אייבערשטער זאל זיי באצאלן מיט אלעס גוטס.

גאר שיין איז געווען צו זעהן דעם גרויסן טיש פון קונטרסים, קארטלעך, גליונות, וואס איז געווען אנגעגרייט אינעם בנין פאר די מפיצים וואס האבן מפיץ געווען נעבן ציון הקדוש פאר אלע וואס זענען געקומען זיך אויסגיסן דאס הארץ, פון וואס מען הערט צוריק גאר גוטע גריסן אז דער עולם האט געגומען גאר שיין.

ערב ראש השנה נאכן פארלערנען דעם דף גמרא איז פארגעקומען אן אייגנארטיגן סיום הש"ס פון הר"ר יעקב משה אינדארסקי שליט"א וואס האט מסיים געווען די ניינטע מאל גאנץ ש"ס. יעדע יאר ענדיגט ער ש"ס, דאס איז זיכער געווען א סעמפל פאר אלע אנווועזנדע צו זעהן וויאזוי מען קען אויסניצן די צייט אפילו מען איז פארנומען.

גאר הערליכע שיעורים איז געגעבן געווארן במשך די צווייטע טעג יום טוב, די שיעורים וועלן מיטן אייבערשטנ'ס הילף ווערן אפגעדריקט אין ספר אשר היה אל יואל די קומענדיגע וואכן.

די הויכפונקט פונעם יום טוב איז בלי ספק געווען די ווארימע דאווענען, וואס האט יעדן געעפענט דאס הארץ, ביידע טעג האט דער ראש ישיבה שליט"א געדאווענט פארן עמוד שחרית און מוסף, אזוי אויך האט מען געהאט די זכיה צו הערן שופר בלאזן פונעם ראש ישיבה שליט"א און א תקיעת שופר דרשה פאר דעם, וואס דאס וועט זיכער בלייבן איינגעקריצט אין יעדן'ס הארץ, און האט זיכער אויפגעוועקט די פארשטיינערטע הערצער און עס געטוישט צו א לב בשר [אותיות ברסלב].

דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל האבן געפוילעלט אלעס גוטס.

**פאר מער פרטים קען מען זעהן אינעם גליון היכל הקודש**

# מעשיות פון „תפילה“



## בנצי יאקאבאוויטש:

עס קומט שוין דער פריילּיכער יום טוב סוכות, איך האב אנגעהויבן בויען מיין סוכה און איך דערזעה מיך אז איך דארף האבן א געוויסע סארט שרויף וואס נישט אלע געשעפטן האבן. בין איך געגאנגען צו א סטאר וואו איך האב געטראכט אז זיי וועלן עס האבן, אזוי אנקומענדיג צום געשעפט, פרעג איך איינער פון די מענטשן וואס ארבעטן דארט, צו זיי האבן דער ספעציעלער שרויף וואס איך זוך פאר מיין סוכה, זאגט ער מיר אז זיי האבן עס נישט. וואו גייט מען זוכן ווייטער? איך וויל דאך האבן מיין סוכה גרייט אויף יום טוב, האב איך זיך דערמאנט וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז כסדר אז "וואס מען דארף, קען מען פשוט בעטן דעם אייבערשטן און מען וועט עס באקומען" האב איך אזוי געטון, איך כאפ ארויס א תפילה פון מויל, "הייליגער באשעפער, איך זוך א שרויף פאר מיין סוכה, און זיי זאגן אז זיי האבן עס נישט, העלף מיר אז איך זאל עס יא טרעפן, און נישט דארפן גיין צו נאך געשעפטן" איך קוק מיר אביסל ארום, איך זוך דא, איך זוך דארט, און, א מעשה פון תפילה! איך האב געטראפן דעם שרויף! און געקענט ענדיגן מאכן מיין סוכה. שכח אייבערשטער!

## ישראל שלום זעלקאוויטש:

שכח אייבערשטער אז נאך אזוי לאנג בענקען און האפן, זענען מיר שוין געקומען וואוינען אין שטעטל, וואו מען קען גרינגערהייט אויפציען די קינדער מיט די זיסע געשמאקע עצות פון הייליג'ן רבי'ן. ווי יעדער איינער זעט דעם הערליכן שטעטל בלעטל וואס ערשיינט שוין פאר גאנצע צוויי יאר, יעדער וואך עקסטער איז דא אזעלכע שיינע זאכן צו ליינען, אנגעהויבן ביי די מעשיות פון תפילה, פערזענליכע מעשיות פון חברים דא אין שטעטל וואס פארציילן וואס זיי האבן געבעטן דעם אייבערשטן און ווי שיין דער אייבערשטער האט זיי געהאלפן, וואס איז מורא'דיגע חיזוק אויף תפילה. ווייטער מיט די בריוו פון דער ראש ישיבה וואס געבט א פריש אויף יעדע וואך עקסטער, נישט אויפצוגעבן; לערנען, דאווענען, און אזוי ווייטער. איך בעט שוין דעם אייבערשטן פאר א לאנגע צייט אז די שטעטל גליון זאל זיך שוין פארברייטערן און גיין פון שיין צו נאך שענער און רייכער, און ווי איר זעט אליין איז דער ראש השנה נומער פונעם בלעטל געווען א חידוש שבחידושים מיט די פילע נייע קאלומ'ס און ארטיקלען וואס מען האט צוגעלייגט פאר אלע יארגענג. אנגעהויבן מיט דעם נייעם קעסטל "א ווארט פונעם ראש ישיבה שליט"א" א קורצע און שטארקע חיזוק ווארט אויסצוג פון די וועכנטליכע קונטרס "עצתו אמונה". ווייטער די נייע קאלום "היכל הקודש נייעס" וואס וועט אראפברענגען די לעצטע נייעס פון קהילות היכל הקודש איבער דער גארער וועלט. נאכדעם האט מען צוגעלייגט "א מעשה פון א צדיק" יעדע וואך אן אנדערע מעשה פון א צדיק וואס וועט אריינברענגען און יעדעם איינעם אווארעמקייט צו אידישקייט און ברענגען די קינדער צו וועלן נאכמאכן די גרויסע צדיקים. אויך האט מען צוגעלייגט די "פארזעצונג" אפטיילונג ווי עס וועט זיין גאר אינטערעסאנטע מעשיות פון דער הייליגער רבי, ר' נתן, מוהרא"ש און אזוי ווייטער פון זייער לעבנ'ס געשיכטע און נאך אסאך שיינע זאכן צוטיילט און פארזעצונגען וואס וועט זיך ציען פאר אפאר וואכן און האלטן געשפאנט אלע חשוב'ע ליינער. דער אייבערשטער זאל העלפן אז מ'זאל כסדר קענען פארגרעסערן און פארשענערן דעם בלעטל און ברענגען נאך מענטשן נענטער צום אייבערשטן. שכח אייבערשטער איך בין מיך מחי' מיט די בלעטל!

## יודי אייזנער:

עס איז געווען סוף זוממער, און איך האב שוין געדארפט צאלן רענט פאר די דירה וואו איך שלאף אין וויליאמסבורג, ס'האט מיר געפעלט א געוויסע סכום געלט וואס איך האב נישט געוויסט פון וואו איך וועל עס קענען פארשאפן, האב איך זיך באניצט מיט די לעכטיגע עצה וואס איך האב געלערנט אין ישיבה, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן "באשעפער איך דארף צאלן רענט אבער איך ווייס נישט פון וואו צו נעמען דאס געלט, העלף מיר איך זאל נישט דארפן בארגן פאר דעם". דער טאג וואס מען דארף צאלן דערנעטערט זיך און עס פעלט מיר נאך די געלט, אבער איך געב נישט אויף, נאר איך בעט ווייטער. דער טאג צו צאלן רענט איז אנגעקומען און איך ווארט נאך אז דער מעשה פון תפילה זאל געשען. פלוצלינג קומט צו מיר א אינגערמאן וואס איך האב אסאך געהאלפן דורכאויס דעם זוממער, און געבט מיר די פונקטליכע סומע וואס האט מיר נאך געפעלט! איך זאג אים "איך האב דיר נישט געהאלפן פאר געלט, איך האב בכלל נישט ערווארטעט דו זאלסט מיר באצאלן" זאגט ער מיר אז ער וויל מיר דאך געבן די געלט, אלס הכרת הטוב. שכח הייליגער באשעפער.

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יום ו', עֶרֶב חַג הַסֻּכּוֹת, י"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין עֶרֶב סוּכּוֹת, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן מִיר אַרַיין גֵיין אִין דִי סוּכָּה, זִיצְן אוּנְטֶער דִי שָׁאטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר דַארְפְן נָאר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין לִיבּ צוּ הָאבְּן דִי סוּכָּה אוּן שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה; מוֹהֲרַא"שׁ דֶערְצֵיילְט, רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט אַמָאל גֶעהָאלְפְן רֶבִּי נָתָן אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי סוּכָּה, וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "אַז מֶען אַרְבֶּעט אַלֵיינְס אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דִי סוּכָּה שְׁפִּירְט מֶען אַן אַנְדֶערְע טַעַם אִינֶעם יוֹם טוֹב", הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "דָאס הָאסְטוּ נָאךְ נִישְׁט פְּרוּבִּירְט, צוּ בֶּעטְן עֶרֶב סוּכּוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִינֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת'**, וָואס פַאר אַ טַעַם מֶען שְׁפִּירְט דֶעמָאלְט אִינֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ הִיטְן פוּן כַּעַס וּקְפֵּידוֹת; גֶעבּ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן וֶוערְן בְּכַּעַס, דֶער יֵצֶר הָרָע זוּכְט אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דִי הֵיילִיגְקֵייטְן; וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב אִיז זֵייעֶר אַ פַּאסִיגֶע צַייט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע הֵיילִיגְקֵייטְן אוּן לִיכְטִיגְקֵייטְן - **דֶעמָאלְט קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע אוּן נֶעמְט אַלֶעס אַוֶועק דוּרְךְ כַּעַס וּקְפֵּידוֹת.**

נֶעכְטְן בַּיים שִׁיעוּר הָאבְּן מִיר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן מַאכְן שֵׁיינֶע סְעוּדוֹת מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, אִינְמִיטְן שִׁיעוּר הָאט אֵיינֶער גֶעפְרֶעגְט ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ הַאלְטְן רוּאִיג אִין אַ קְלֵיינֶע סוּכָּה וֶוען עֶס טוּט זִיךְ אוֹיף טִישְׁן אוּן אוֹיף בֶּענְק מִיט דִי קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ'; הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קיא): **"אִם הָיוּ מַנִּיחִין מֵת לָעוֹלָם הַזֶּה לְהִתְפַּלֵּל בְּוַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל יָפֶה יָפֶה בְּכָל כֹּחוֹ"**, וֶוען מֶען וָואלְט וֶוען גֶעגֶעבְּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייט פַאר אַ נִפְטָר אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן קֵבֶר דַאוֶוענֶען אֵיין תְּפִלָּה וָואלְט עֶר וֶוען גֶעדַאוֶוענְט זֵייעֶרֶע שֵׁיין, עֶר וָואלְט וֶוען גֶעדַאוֶוענְט מִיטְ'ן גַאנְצְן כֹּחַ; דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל, עֶר גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טְרַאכְט בַּיי זִיךְ: **'אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ נִפְטָר, אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן, מֶען הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת אַהֵיים צוּ קוּמֶען פוּן בֵּית הַחַיִּים פַאר אֵיין סְעוּדָה'** - וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן אוּן קָאמַאנְדֶעוֶועט, עֶר וָואלְט וֶוען שֵׁיין גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער, עֶר וָואלְט גֶערֶעדְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ זַיין ווַייבּ; אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן שֵׁיינֶע סְעוּדוֹת, אַז נִישְׁט וֶועלְן דִי קִינְדֶער זָאגְן: **'טַאטֶע, קֶענְסְט צוּרִיק גֵיין אִין קֵבֶר, מִיר דַארְפְן נִישְׁט קַיין קוֹלוֹת אוּן קַיין פֶּעטְשׁ'.**

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן קְרִיגֶערַייעֶן. דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א טַייטְשְׁט דִי נֶעמֶען פוּן דִי קִינְדֶער פוּן יִשְׁמָעֵאל (בְּרֵאשִׁית כה, יד): **"וּמִשְׁמָע וְדוּמָה וּמַשָּׂא"**, **'וּמִשְׁמָע'** - מֶען דַארְף קֶענֶען הֶערְן, **'וְדוּמָה'** - מֶען דַארְף קֶענֶען שְׁוַוייגְן, **'וּמַשָּׂא'** - אוּן מֶען דַארְף קֶענֶען פַארְנֶעמֶען; דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן הַצְלָחָה אוּן לֶעבְּן. בִּפְרַט עֶרֶב שַׁבָּת אוּן עֶרֶב יוֹם טוֹב, וָואס דֶעמָאלְט וֶוערְן דִי קְלִיפּוֹת זֵייעֶר ווִילְד, זֵיי ווִילְן קַאלְיֶע מַאכְן דָאס לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן מַאן אוּן ווַייבּ, זֵיי ווִילְן מֶען זָאל נִישְׁט זַיין צוּזַאמֶען. שַׁבָּת אִיז דָאךְ אַ צַייט וָואס מֶען דַארְף זַיין צוּזַאמֶען, דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן וְשָׁמְרוּ בְ'נֵי יִ'שְׂרָאֵל אֶ'ת הַ'שַּׁבָּת אִיז **'בִּיאָה'**; אַז שַׁבָּת דַארְף מֶען זֶען צוּ זַיין צוּזַאמֶען וְכוּ'.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אָבֶּער אִיךְ דַארְף לוֹיפְן קוֹיפְן ד' מִינִים פַאר מַיינֶע קִינְדֶער אוּן צוּגְרֵייטְן דֶעם יוֹם טוֹב.

מָאנְטָאג נַאכְט וֶועט זַיין אַ סְעוּדָה אִין יְשִׁיבָה לְכָבוֹד דִי הִלּוּלָא פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; מִיר וֶועלְן נָאכְאַמָאל רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מִיר הָאבְּן דֶעם רֶבִּי'ן, **קוּם מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה.**

**אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.**

# חידות אפטיילונג

**דער הייליגער רבי האט געזאגט: ווער עס איז געווען ביי מיר ראש השנה.**

**וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?**

א. זאל זיך זייער שטארק פרייען

ב. וועט האבן אסאך געלט

ג. דארף נישט מורא האבן פון שטארבן

ד. וועט זעהן נחת ביי די קינדער

*ענטפערס פון פאריגע וואך:*

**ווערן אפגעהיטן פון ווערים אין קבר**


דער געווינער פון פאריגע וואך איז

**עמרם שטראססער נ"י - קרית ברסלב**

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161



## סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

יקותיאל פעלדמאן הי"ו וזוגתו מרים תחי'

צו די געבורט פון א איינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.



## סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

אהרן פיש הי"ו וזוגתו חנה דיסל תחי'

צו די געבורט פון א איינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.




צו באקומען אייער בילד פון פדיון נפש ביים ראש ישיבה שליט"א שיקט אן אימעיל צו

a0547247352@gmail.com

# א מעשה
## פון א צדיק



### מעשה פון בעל שם טוב זי"ע

פארזעצונג פון פריער

דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע זאגט פאר א איד וואס האט געדארפט קינדער, ער זאל זיך ארויסלאזן אויפן וועג און פרעגן אין יעדן שטאט אויב מען האט שוין געהערט פונעם בעל שם טוב זי"ע

...

עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיס גֶעלָאזְט אוֹיפְן וֶועג פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן, אוּן יֶעדֶע פְּלַאץ וואוּ עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען הָאט מֶען שוֹין גֶעהַאט גֶעהֶערְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, בִּיז נָאכְן פָּארְן אַפָּאר חֳדָשִׁים אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ שְׁטָאט וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן בַּאלִיבְּט, אַזוֹי וַוייט אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ גַאסְט אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ הָאט מֶען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן קְרִיגְן וֶוער עֶס וֶועט הָאבְּן דִי זְכִיָה צוּ נֶעמֶען דֶעם אוֹרַח, וָואס הָאט מֶען גֶעטוּהן? מֶען פְלֶעגְט פַארְקוֹיפְן דִי זְכוּת פוּן דֶעם מִצְוָה, וֶוער עֶס וֶועט גֶעבְּן דִי מֶערְסְטֶע גֶעלְט וֶועט זוֹכֶה זַיין אִין דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים.

דֶער אִיד קוּמְט דָארְט אָן אוּן עֶר זֶעהְט מֶען שׁוּשְׁקֶעט זִיךְ אוּנְטֶער עֶפֶּעס, גֶעט עֶר אַ פְרֶעג אֵיינֶעם "וָואס גֵייט דָא פָּאר?" הָאט מֶען אִים פַארְצֵיילְט אַז יֶעדֶער וִויל הָאבְּן דִי זְכוּת אִין דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, פְרֶעגְט עֶר זֵיי: "זָאגְטְס נָאר, אִיר הָאט שׁוֹין אַמָאל גֶעהֶערְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ?" זָאגְן זֵיי "נֵיין", הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָא דַארְף עֶר בְּלַייבְּן, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְקוֹיפְן דִי זְכוּת פוּנֶעם גַאסְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַסַאךְ עֲשִׁירִים, מֶען הָאט אַרוֹיפְגֶעצוֹיגְן דִי סְכוּם אֵיינְס הֶעכֶער פוּנֶעם צְוֵוייטְן, בִּיז אֵיין עוֹשֶׁר הָאט גֶעגֶעבְּן גָאר אַ גְרוֹיסֶע סְכוּם אוּן עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן דֶעם גַאסְט.

דֶער אוֹרַח קוּמְט אַרַיין צוּם עוֹשֶׁר אִין שְׁטוּבּ, אוּן עֶר זֶעהְט אַז דֶער עוֹשֶׁר אִיז זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, נָאךְ שַׁבָּת הָאט דֶער גַאסְט גֶעפְרֶעגְט דֶעם עוֹשֶׁר: "זָאג מִיר נָאר, פַארְוָואס בִּיזְטוּ אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג?" הָאט דֶער עוֹשֶׁר גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעלְט, אִיךְ הָאבּ הַייזֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעשֶׁעפְטְן, אָבֶער אֵיין זַאךְ פֶעלְט מִיר, אוּן דָאס אִיז "קִינְדֶער". רוּפְט זִיךְ אָן דֶער גַאסְט: "הָאסְט שׁוֹין אַמָאל גֶעהֶערְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ?" זָאגְט עֶר "נֵיין", רוּפְט זִיךְ אָן דֶער גַאסְט: "עֶס אִיז כְּדַאי צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אִין מֶעזְבּוּז, אִיךְ וואוֹין דָארְט, גֵיי אַרַיין צוּ אִים אוּן דוּ וֶועסְט זִיכֶער זֶעהן אַ יְשׁוּעָה, בְּרֶענְג מִיט גֶעלְט פַארְן צַדִיק פַאר צְדָקָה אוּן עֶר וֶועט עֶס פַארְטֵיילְן פַאר אָרֶעמֶעלַייט.

דֶער גַאסְט הָאט פַארְגֶעסְן אַז עֶר אַלֵיין דַארְף אוֹיךְ אַ יְשׁוּעָה אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וָואס דֶער עוֹשֶׁר דַארְף, עֶר דַארְף דָאךְ אוֹיךְ קִינְדֶער, אוּן דָא פְּרוּבִּירְט עֶר אִיבֶּערְצוּרֶעדְן דֶעם עוֹשֶׁר זָאל קוּמֶען צוּם צַדִיק.

דֶער עוֹשֶׁר מִיטְן גַאסְט הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיס גֶעלָאזְט אוֹיפְן וֶועג אָנְצוּקוּמֶען צוּם הייליגן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין מֶעזְבּוּז, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז בֵּיידֶע זֶענֶען גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער.

זֶעהְט מֶען דִי חֲשִׁיבוּת פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא חֶסֶד אִיז דָא אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ זֶעהְט מֶען דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֱמוּנַת צַדִיקִים, אַז מֶען הָאט אַ צַדִיק וֶוערְט מֶען גֶעהָאלְפְן מִיט אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף.

(אֲשֶׁר בַּנַחַל חֵלֶק קפ"ז מִכְתָּב מט כח)



# דעם רבי'נס נסיעה

## קיין ארץ ישראל

קאפיטל 2

פארזעצונג פון פריער

דער הייליגער רבי לאזט זיך ארויס מיט ר' שמעון אויף אן אומבאקאנטע נסיעה, קודם איז דער רבי געפארן קיין מעזבוז.

...

דֶער רֶבִּי אִיז דַאן גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן פוּן הִימְל אַז עֶר דַארְף פָארְן צוּ דִי שְׁטָאט קַאמִינִיץ.

גְלַייךְ וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט מֶעזְבּוּז, אִיז ר' שִׁמְעוֹן דָארְט זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעדַארְפְט אִיבֶּערְלָאזְן דָארְט אִין מֶעזְבּוּז. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּן ר' שִׁמְעוֹן, הָאט ר' שִׁמְעוֹן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן, "וֶוען וֶועלְן מִיר זִיךְ נָאכְאַמָאל זֶען? אִיר קֶענְט זִיךְ דָאךְ פַארְזוֹימֶען אוֹיפְ'ן וֶועג וֶוער וֵוייסְט וִוי לַאנְג, אַזוֹי וִוי אִיר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע?", דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶּער בַּארוּאִיגְט אוּן גֶעזָאגְט, "אִיךְ וֶועל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְהַאלְטְן צוּ לַאנְג, נָאר אוּמְגֶעפֶער אַכְט צוּ צֶען טֶעג אוּן נִישְׁט מֶער", ר' שִׁמְעוֹן הָאט אִים אָבֶּער צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט, "רֶבִּי, אִיר הָאט מִיר דָאךְ אָבֶּער גֶעזָאגְט אִינְדֶערְהֵיים אַז אִיר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי לַאנְג דִי נְסִיעָה וֶועט נֶעמֶען?", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִינְדֶערְהֵיים הָאבּ אִיךְ טַאקֶע נָאכְנִישְׁט גֶעוואוּסְט, יֶעצְט וֵוייס אִיךְ שׁוֹין אָבֶּער אַז אִיךְ דַארְף פָארְן קַיין קַאמִינִיץ, אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט זַיין דָארְט פַאר צוּ לַאנְג, נָאר פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג וִוי פְרִיעֶר גֶעזָאגְט".

ר' שִׁמְעוֹן הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן, בִּיז עֶר וֶועט אִים צוּזָאגְן אַז וֶוען עֶר וֶועט צוּרִיק קוּמֶען וֶועט עֶר אִים טְרֶעפְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן עֶר וֶועט אִים מִיטְנֶעמֶען אַהֵיים. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים טַאקֶע דָאס צוּגֶעזָאגְט.

וַוייל יֶענֶע נַאכְט אִין מֶעזְבּוּז אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל גְלַייךְ פָארְן קַיין קַאמִינִיץ.

דֶער רֶבִּי הָאט מִיטְגֶענוּמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז מִיטְגֶעפָארְן מִיט זֵיי פוּנֶעם דָארְף וָואלְחִיוִויץ, אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְן קַיין קַאמִינִיץ. זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן וִוי פְּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן, אָן קַיין שׁוּם פִּרְסוּם וִוי אַ רֶבִּי וָואלְט גֶעפָארְן. כָאטְשׁ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען דֶעמָאלְט שְׁטַארְק מְפוּרְסָם אוֹיף דִי וֶועלְט, הָאט עֶר אָבֶּער אָנְגֶעזָאגְט פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל אִים נִישְׁט מְפַרְסֵם זַיין אִין עֶרְגֶעץ, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וִויסְן וֶוער עֶר אִיז. זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן בְּלוֹיז וִוי סוֹחֲרִים פָארְן פוּן אֵיין שְׁטָאט צוּם צְוֵוייטְן.

זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען קַיין קַאמִינִיץ, וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אוּמְגֶעפֶער הוּנְדֶערְט אוּן פוּפְצִיג קִילָאמֶעטֶער פוּן מֶעזְבּוּז.

אִין יֶענֶע צַייט, אִיז גֶעוֶוען פַארְבָּאטְן פַאר אִידְן צוּ וואוֹינֶען אִין דִי שְׁטָאט קַאמִינִיץ, אוּן קַיין שׁוּם אִיד הָאט נִישְׁט גֶעטָארְט אִיבֶּערְנֶעכְטִיגְן דָארְט אִין שְׁטָאט. אַלֶע אִידְן הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט, אוּן וֶוער ס'הָאט גֶעהַאט עֶפֶּעס גֶעשֶׁעפְטְן צוּ מַאכְן דָארְט אִין שְׁטָאט הָאט גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין אִין שְׁטָאט בַּייטָאג, זֵיי הָאבְּן גֶעמֶעגְט דָארְט זַיין אַ גַאנְצְן טָאג, בַּיינַאכְט הָאבְּן אָבֶּער אַלֶע אִידְן גֶעמוּזְט פַארְלָאזְן דִי שְׁטָאט.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען דֶעמָאלְט קַיין קַאמִינִיץ מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער, זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען דָארְט אַ גַאנְצְן טָאג בִּיז בַּיינַאכְט, אוּן וֶוען דִי נַאכְט הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּפַאלְן, אוּן אַלֶע אִידְן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְצוּגֵיין, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר זַיין בַּאגְלֵייטֶער אַז עֶר זָאל אוֹיךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטָאט מִיט אַלֶע אִידְן, אוּן אַז צוּמָארְגְנְס זָאל עֶר צוּרִיק אַרַיינְקוּמֶען אוּן זִיךְ טְרֶעפְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אוֹיף אַ בַּאשְׁטִימְטְן אָרְט.

דֶער בַּאגְלֵייטֶער אִיז טַאקֶע אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אָבֶּער דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבְּלִיבְּן דָארְט אִין שְׁטָאט אִיבֶּער נַאכְט, קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט בַּאמֶערְקְט דָארְט, אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן דָארְט דִי גַאנְצֶע נַאכְט. דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג אִיז דֶער בַּאגְלֵייטֶער צוּרִיק גֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט, אוּן טַאקֶע גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי'ן דָארְט וואוּ זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט זִיךְ צוּ טְרֶעפְן.

# בילדער
## אפטיילונג






א׳ סליחות ביים ראש ישיבה שליט״א אין וויליאמסבורג



סליחות זכור ברית אין היכל הקודש אומאן



דער ראש ישיבה לערנט פאר דעם דף גמרא אין אומאן



דער ראש ישיבה שליט״א ביים ציון הקודש אין אומאן



דער ראש ישיבה רעדט צו די קינדער אין אומאן



תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב אין אומאן